# ווערטער אָדער בילדער

יצחק באשעוויס / וואַרשע

דאָס בילד, דער געשעענער פאַקט איז אַלעמאָל געווען דער אַטריבוט פון דער עפּישער רעאַלער דערציילונג, אַקוראַט ווי אין דער ליריק איז דאָמינירנד דאָס געפיל און געמיט־צושטאַנד. דער אָביעקטיווער עפּיקער דערציילט נישט פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען, אָבער אויך צו די איבערלעבונגען פון זיין העלד גייט ער צו אַנדערש, ווי דער ליריקער. בעת דער ליריקער גיט דעם געמיט־צושטאַנד, גיט דער עפּיקער די סבה פון אָט־דעם געמיט־צושטאַנד. דער ליריקער ר ע אַ ג י ר ט אויף געשעענישן, אָבער דער עפּיקער־רעאַליסט שטעלט אוועק די געשעעניש גופא און לאָזט רעאַגירן דעם לעזער. דער ערשטער גיט דעם סך־הכל, דער צווייטער איז פאַרמשפּט אויף פּרטים. וואָס סובטעלער ס'דאַרף זיין די שטימונג, וועלכע ער וויל אַרויסברענגען, אַלץ מער פּרטים און אַלץ זעלטענערע בילדער דאַרף ער צונויפקאָמבינירן. ס'איז במילא אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז ס'מוז אַמאָל קומען אַ מאָמענט, ווען די האַרמאָניע צווישן דער קינסטלערישער אידעע און בילד ווערט צעשטערט. די פּרטים בלייבן הינטערשטעליק די אָנפילנדיקע שטימונגען סיי בכמות און סיי באיכות.

ס'איז נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, ווען מ'זאָגט, אַז דער רעאַליזם האָט בעיקר צו טון מיט אויסערלעכע דערפאַרונגען. אָנהויבנדיק פון די סאַמע ערשטע ביז די סאַמע לעצטע רעאַליסטן פילט איר פון יעדן איינעם אַרויס די טענדענץ צו געבן די פאַקטן וואָס מער אין דעטאַל, וואָס מער אויסגעשיילט פון יעטוועדער אַבסטראַקציע. מ'שילדערט ביים העלד די אויגן און נאָז, מ'גיט איבער תּנועות און טאָג־טעגלעכע געוווינהייטן. אַ סך ווייניקער ווערט דערציילט, וואָס דער העלד טראַכט און לעבט־איבער, זיינע אינערלעכע צושטאַנדן און ספקות. פון אַלע רעאַליסטן פילט מען אַרויס דיזעלבע מיינונג, אַז:

איבערצייגן דעם לעזער קען מען נאָר מיט פאַקטן, וועלכן ס'קען זען דאָס אויג, הערן — דאָס אויער א. אז. וו. וואָס מער כאַראַקטעריסטישע פּרטים — אַלץ בעסער. דאָס איינציקע פענסטערל פון דער נישט־געזעענער אינערלעכקייט אין דער רעאַלער דערציילונג איז דער דיאַלאָג. די רייד פון העלד. ביי דאָסטאָיעווסקין, למשל, דערגרייכט דער דיאַלאָג צו אַזאַ מדרגה, אַז ער ווערט דער חוט־השדרה פון זיין גאַנצן שאַפן. מ'דאַרף דווקא הערן רעדן דאָסטאָיעווסקיס אַ העלד, כּדי אים צו דערזען. פאַרנעמען טאַקע ביי דאָסטאָיעווסקין דיאַלאָגן גאַנצע צענדליקער זייטן. אָבער דאָסטאָיעווסקי איז אין דעם פּרט אַן אויסנאַם. ביי אַנדערע רעאַליסטן איז דער דיאַלאָג אַן ענין, וואָס ווערט באַגרענעצט ביז גאָר. די העלדן זענען מחויב צו רעדן זייער ווייניק. דער דיאַלאָג דינט כּמעט בלויז פאַר אַ פּויזע צווישן איין מאַסע שילדערונגען און דער אַנדערער. דיאַלאָג איז אויך אַזוי פיל באַרעכטיקט, אויף וויפיל ער גיט עפּעס צו צום בילד. דאָסזעלבע איז מיט מחשבות און אינערלעכע איבערלעבענישן. זיי האָבן בלויז אַן אָרט ווי דערגאַנצער פון בילד, נישט אַן־און־פאַר־זיך. אמת, אַז נישט אַלע רעאַליסטן זענען אַבסאָלוט קאָנסעקווענט. דאָס איז אַ פראַגע פון אויסגעהאַלטנקייט און גאַנצקייט. אַנדערע רעאַליסטן האַקן אָפּ פון צייט צו צייט מיט די אויסערלעכע בילדער, כּדי אַ קוק צו טון אין דער „נשמה". אָבער מ'דערפילט תּיכּף, אַז דאָ איז באַגאַנגען געוואָרן אַ פאַרברעכן קעגן דער פאָרם פון דערציילן.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו באַווייזן די דאָזיקע באַהויפּטונג. מ'וואָלט אפשר געדאַרפט ציטירן אַלע גוטע רעאַליסטישע שאַפונגען, כּדי דאָס צו באַווייזן... דאָ שטעלט זיך בלויז אַוועק די פראַגע:

— צי מוז די רעאַלע עפּישע דערציילונג באמת ב ל ו י ז געבן דאָס בילד פאַרן אויג? און דער עיקר: צי קען מען טאַקי מיט בלויזע בילדער געבן דעם מענטש אַזוי ווי ער איז, מיט זיין גאַנצער קאָמפּליצירטקייט? צי מוז נישט קומען צו אַזאַ מאָמענט, ווען דער שרייבער מוז אַוועקלייגן די פעדער פון האַנט און זאָגן: דאָס, וואָס איך וויל איצט געבן, קען מען אין קיין בילדער נישט אויסדריקן!—?

עס איז די אייביקע טענה פון די קעגנער פון רעאַליזם. ס'איז אָבער אויך קיין ספק נישט, אַז דער רעאַליסט גופא איבערצייגט זיך, אַז ער שטייט דאָ פאַר אַ וואַנט. די וויסנשאַפט קען זיך באַנוצן מיט דער גאַנצער שפּראַך, זי שאַפט פון טאָג צו טאָג אַלץ נייערע, אַרומנעמענדיקערע אַבסטראַקציעס. ווען דער פּסיכאָלאָג וויל רעדן וועגן דער מענטשלעכער נשמה, קען ער זיך באַנוצן מיט אַלע ווערטער פון ווערטער־בוך און אפילו שאַפן נייע. ער קען כּולל זיין טויזנט מאָמענטן אין איין באַגריף, קען זיין קורץ וויפיל ער וויל נאָר און איז ממילא אַ בעל־הבית איבער זיין מאַטעריאַל. דער קינסטלער, וואָס איז מחויב אַלץ צו געבן בילדלעך, איז זייער ווייט פון אַזאַ באַקוועמלעכקייט. אַמבעסטן ווייסט עס דער שריפטשטעלער אַליין. גוט באַאַרבעטן די מינדסטע טעמע פאָדערט שווערע אַרבעט. די בליץ־שנעלע קינסטלערישע אידעע ווערט צעצויגן און צעריסן, בעת מ'נעמט צו איר צוזוכן בילדער. טויזנטער איבעריקע געשטאַלטן קומען־צו און יעדע איינע פאָדערט לעבן און באַרעכטיקונג. דער קינסטלער וויל גיין גלייך צום ציל, אָבער די געשטאַלטן שלעפּן אים ביי די פּאָלעס, רייסן אים אַוועק אויף צופעליקע וועגן. איז דען ביי דעם אַלעמען אַ וואונדער, אַז דער רעאַליסט מוז הינקען אידעאיש?

די טענות זענען נישט קיין ליגנטע. עס ווייסט עס דער שרייבער פון זיין אייגענער דערפאַרונג. ווייל ס'איז נישט אמת, אַז מ'קען אַוועקשטעלן אַ מענטש אינגאַנצן מיט דער הילף פון אויסערלעכע בילדער, וואָס שטעלן פאָר דעם מענטש תּמיד אַ טעטיקן. אַלע מענטשן, און איבערהויפּט אינטעליגענטן, טראַכטן מער, ווי זיי טוען, האַנדלען אונטערן דרוק פון אינערלעכע ווירקונגען. פון איין זייט דער נערוועזער, דער מעלאַנכאָליק, די אַלע לייט מיט זייערע מאַניעס און מרה־שחורהס. פון דער צווייטער זייט די גאַנצע אינטעליגענץ, וואָס לעבט, ליידט אין דער שטיל, פּלאַנט און זוכט. זייערע פּנימער זענען אַממיינסטן מאַט און נישט כאַראַקטעריסטיש. זיי זשעסטיקולירן נישט, זענען נישט צערעמאָניאַל, נישט אויסערלעך — טיפּיש. אַלץ טוט זיך אָפּ ביי זיי אינדערשטיל, הינטערן שאַרבן. מ'מוז זיי געבן קודם־כּל טראַכטנדיקע און רעדנדיקע (נישט אין קורצע דיאַלאָגן, נאָר אין לאַנגע שמועסן), אָדער אינגאַנצן נישט. אינגאַנצן פון זיי נישט דערציילן — הייסט: איגנאָרירן די מענטשן, וואָס לעבן אַמשטאַרקסטן, אַמפּאַרוויקלסטן. בלייבט איבער בלויז דער פּאָלקס־מענטש מיט זיינע עטנאָגראַפישע סמנים, מיט זיין הומאָר. דער פּאָלקס־מענטש איז, וואָס אמת, אַממיינסטן צוגעפּאַסט צו דער עפּיש־רעאַלער דערציילונג. צוגעפּאַסט איז אויך דער קלער און בכלל אַלע

די, וואָס זענען טראַדיציאָנעל. דערפון טאַקע קומט דאָס, וואָס אָט־די לייט קומען אַמבולטסטן אַרויס אין רעאַלע ווערק, בשעת דער אינטעליגענט קומט אַרויס בלאָס, און ממילא פאָלגט דערפון, וואָס דער רעאַליסט איז געניייט אָפט צו נישטערן אין דער אונטערוועלט, געשיכטע. אָבער דאָס באַשרייבן אָט־די מענטשן איז דאָך טאַקי דאָס, וואָס מ׳רופט אָן דעקאָראַציע. אָנשטאָט צו געבן דעם מענטש—גיט מען, ווי ס׳טענהן די קעגנער, זיין מלבוש. טו אויס דעם גענעראַל זיין מונדיר און צי אַראָפ ביים רבין זיין זשופיצע—און זיי זענען פאַרלוירן פאַרן רעאַליסט, פאַרן קאָנסעקווענטן רעאַליסט, נאַטירלעך. און טאַקע דערפאַר ווילט זיך אַמאָל אַ פרעג טון:

— צי האָט טאַקי דער רעאַליסט קיין שליטה נישט צו דער אינערלעכער דערפאַרונג? ליגט עס אין מהות פון רעאַליזם די נייגונג צו אויסערלעכקייט, אָדער ס׳איז נישט מער ווי אַ נידעריקערע מדרגה, וועלכע מ׳דאַרף אַריבערגיין, כּדי צו געפינען אַ העכערע?

---

הלמאי זאָל איך דערציילן, וואָס מיין העלד טראַכט? — פרעגט דער עפיקער.– איך וועל ליבערשט דערציילן, וואָס מיין העלד האָט געטון. דערפון וועט איר ממילא וויסן, וואָס ער האָט געוואָלט טון און געטראַכט צו טון. ווייל דער שטאַרקסטער ווילן באַוועגט אונזערע אימפולסן און די שטאַרקסטע מחשבה ברענגט צו מעשים.

די מחשבה איז אַ תהו־ובהו. טראַכטנדיק האָבן מיר פאַר זיך אומבאַשטימטע וועגן. אין אונזער מוח ליגן תמיד שיכטן פון אַלטע זכרונות, וואָס וועקן זיך אויף פער אַסאָציאַציע, כּדי תיכּף ווייטער איינצודרימלען. געבן די מחשבות פון אַ מענטש צוזאַמען מיט זיינע מעשים, הייסט: געבן דעם קערן צוזאַמענגעמישט מיט דער שאָל. דער ציל פון עפישער דערציילונג, אָבער, איז צו געבן דאָס קלאָרע און פאַקטישע. דאָס איז נאָר דער פאַקט, וואָס איז דער תמצית פון אַלע הוריות, וואַקלענישן און טראַכטענישן.

ניין, ס׳איז נישט קיין צופעליקייט, וואָס עפיק איז אַזוי ענלעך צו פשוטער כראָניק. די עפיק, ווי די כראָניק,! שעפן פון דעם זעלבן ברונעם, פון לעבן. אויב די ווירקלעכקייט איז פאַר דער כראָניק אַן אָביעקט, איז זי פאַר דער עפיק אַ מאָדעל. להיפוך צום ליריקער, ביי וועלכן די גאַנצע אויסערלעכע עקזיסטענץ ווערט באַטראַכט פון שטאַנדפונקט פון די אייגענע עמאָציעס, איז דער עפיקער פאַר אַלעמען אַ קאָפירער (מ׳דאַרף זיך פאַר דעם וואָרט נישט דערשרעקן), אַ מין פאָרטרעטיסט, וואָס גיט אַ שמיר מיטן פענזל און אַ קוק אויפן געגנשטאַנד. זיין שאַפונג ווערט קיינמאָל נישט באַרעכטיקט דורך זיך אַליין, נאָר דורך דער נאַטור, וועלכע ער קאָפירט און ביי וועלכער ער לערנט... ער איז נישט בלויז מחוייב צו געבן זיין שאַפונג ריטם, סיסטעם, נאָר ער איז פאַר אַלעמען מחוייב צו מאָלן ענלעך צו דעם מאָדעל...

לערנען ביי דער נאַטור. וויפיל קינסטלער האָבן שוין גערעדט וועגן דעם און געוואָרנט. רובענס האָט נישט אויפגעהערט וואָרענען זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן זיך נישט פאַרקוקן אויף אים, נאָר אין דער נאַטור, וואָס איז די מוטער פון יעדער קונסט. רעמבראַנד האָט געהייסן זיינע תלמידים אַרבעטן אין באַזונדערע צימערלעך, כּדי זיי זאָלן זיך נישט פאַרקוקן איינער אויף דעם אַנדערן און ממילא פאַרנאַכלעסיקן דאָס אינטענסיווע קוקן אין דער נאַטור. — עס איז נישטאָ קיין קונסט, נאָר ליידיקע פאָרמען, וועלכע מוזן זיך אָנפילן מיט ערפאַרונגען, ערשט די סינטעזע פון ביידע צוזאַמען איז דאָס ווערק. פאַרנאַכלעסיקן מיר אויף איין ווייַלע דעם קוואַל פון דרויסן און מיר אָפערירן מיט אונזערע אינעווייניקסטע פאַרמען, קומט אַרויס די טויטע פראַזע. די רעדער דרייען זיך, די מיל מאָלט, נאָר מ׳האָט פאַרגעסן אַריינצושיטן תבואה. די אמתע קונסט קאָן מען פאַרגלייכן צו דער עמפירישער וויסנשאַפט, די פראַזע—צו דער דיאַלעקטישער...

נישט דאָ איז דאָס אָרט געניייער אַרומצורעדן דעם ענין, אָבער איינס איז קלאָר: אויב קיין שום קונסט־ווערק קען נישט אַנטשטיין אָן דער אוממיטלבאַרער, סינטעטישער באַהעפטונג מיט דעם אויסערלעכן מאַטעריאַל,—איז עס פאַר דער רעאַלער, עפישער ערציילונג דער אלף און דער תו. דער ליריקער דינט זיך אַליין פאַר אַ טעמע, דער רעאַליסט־עפיקער דאַרף זוכן אַ מאָדעל אַ פרעמדן, אַ ווידערשפעניקן. נישט בחנם טענהן די געגנער פון רעאַליזם, אַז דער רעאַליסט איז אַ ראַציאָנאַליסט, אַ „קאָפּ־מענטש". אַזוי איז עס טאַקע. אָבער נישט קיין חסרון איז דאָס, נאָר אַ מעלה. די ראַציע פון עפיקער־רעאַליסט איז דער קלעי, מיט וועלכן ער קלעבט צונויף אַזאַ ציטערדיקע זאַך, ווי ס׳איז די קינסטלערישע אידעע מיט דעם אייז־קאַלטן שווערן פראָצעס פון אינטענסיוון באַאָבאַכטן. אַ פראָצעס, וואָס מאַטערט אויס דעם קינסטלער און פאַרשלעפט אויף אומגעריכטע, נישט־פאָרויסגעזעענע וועגן.

— איז דער עפיקער־רעאַליסט באמת אָנגעוויזן בלויז אויף דעם געזעענעם, געשעענעם פאַקט? אָדער ס׳איז בלויז אַ צופעליקייט, וואָס די עפיש־רעאַלע ערציילונג מיידט אויס אַזוי פאַרביסן אַלץ דאָס, וואָס איז אין אונז און וואָס מ׳קען מיט די חושים נישט באַגרייפן—?

— ניין, קיין צופעליקייט איז עס נישט, דער עפיקער מוז האָבן אַ רייכן קוואַל, פון וועלכן ער זאָל קענען שעפן שטענדיק און עמערוויַיז. אַזאַ קוואַל איז די נאַטור, וועלכע מיר זען, הערן א. א. וו. „ס׳ווערט נישט זאַט דאָס אויג פון זען". ס׳האָט גאָר קיין שיעור נישט וויפל בילדער מיר זען יעדן טאָג, וויפל דיפערענצירונגען און ניואַנסן. אַ בלינדער איז געגליכן צו אַ מת. פאַר אים זענען פאַרשלאָסן כּמעט אַלע אוצרות פון לעבן. (אַז דאָס זען פון די חושים מוז זיין פאַרבינדן מיט אינעווייניקסטע גייסטיקע כּוחות — דאָס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך) ס׳פרעגט זיך בלויז:

— צי איז אויך פאַראַן פאַרן קינסטלער אַזאַ דירעקטער און רייכער קוואַל אויסער די נאַטור, וועלכע ווערט באַגרייפט מיט די חושים?

יעדער קינסטלער, וואָס איז נישט קיין ליגנער און נישט קיין טעלעפּאַט וועט מודה זיין, אַז ניין, אַזאַ קוואַל איז נישטאָ.

מ׳לויבט קינסטלער, אַז זיי קענען די מענטשלעכע נשמה, אַז מיטן כּוח פון זייער אינטואיציע דרינגען זיי אַריין אין די באַהאַלטנסטע חדרים פון דענקען און ווילן. מ׳ווייזט אָן אין דער וועלט־ליטעראַטור אויף געציילטע ווערק און ערטער, ווו קינסטלער געלונגט עס דירעקט אַריינצודרינגען אין דעם טונקעלן לאַבירינט פון מחשבות און געפילן פון אַנדערע. אָבער אַזעלכע פאַלן זענען אפשר זעלטענער ווי די פאַלן פון טעלעפּאַטיע. די קונסט קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נסים און „אויפבליצן". נאָרמאַל קענען מיר די מענטשלעכע נשמה אַדאַנק טאַטן, האַנדלונגען, רייד. אַממיינסטן משפטן מיר וועגן יענעמס אינערלעכע וועלט על־פּי השערה. ווען אַ קינסטלער דערציילט ווי אַזוי זיין העלד האָט אויסגעזען, אָדער געהאַנדלט—האָט ער אין זיין פאַנטאַזיע דעם מאָדעל. אָבער ווען ער וויל דערציילן, וואָס זיין העלד האָט געפילט און געטראַכט, מוז ער געבן זיינע אייגענע געפילן און מחשבות. אַזאַ מאָגערער און אומדי־

רעקטער קוואַל קען נישט דינען פאַר דעם עפּיקער־רעאַליסט, וואָס איז לויט זיין נאַטור מחויב צו שעפּן מיט פולע הויפנס.

איז מעגלעך אין אַ עפּישער־רעאַלער דערציילונג צו געבן די אינערלעכקייט פון העלד?—פּרינציפּיעל יאָ. אַלץ, וואָס איז רעאַל און וואָס איז אינטערעסאַנט, איז אַן אָביעקט פאַר אַ דערציילונג. אונזער אינערלעך לעבן איז אין שום ספק אינטערעסאַנט און קען גאָר נישט פאַרגליכן ווערן לויטן שווונג און מעגלעכקייטן מיטן געצוימטן לעבן פון מעשים. אָבער ווילנדיק געבן דאָס אינערלעכע לעבן פון אַ מענטש, מוז מען פריער האָבן דעם וועג צו דער אינערלעכקייט, די צנורות. ווען נישט — קומען אַרויס צוגעטראַכטע געדאַנקען, באַנאַלע רעיונות, וואָס גיבן גאָרנישט, גראַפאָמאַניע. מ׳פילאָזאָפירט־אויס אַלטע אויסגעדראָשענע אמתן. דער עפּיקער־רעאַליסט, וואָס מיינט עס ערנסט, קען אין נאָרמאַלן פאַל נישט געבן דעם העלדס מחשבות, אויב ער וויל געבן פאַקטן און נישט השערות.

אמת מיר פאַרלירן דערמיט אַ סך, ווייל, ווי געזאָגט: נישט אַלץ לאָזט זיך פאָרשטעלן אין בילדער. דער וויכטיקסטער טייל פון אונזער לעבן בלייבט נישט אָפּגעשפּיגלט. מ׳קען אפילו מודה זיין, אַז די רעאַלע עפּישע ערציילונג איז דעקאָראַטיוו־מעסיק. אָבער דאָס איז איר נאַטור און האָבן טענות, פאַרוואָס די רעאַלע־עפּישע ערציילונג גיט נישט איבער אינגאַנצן אונזער אינערלעך לעבן, איז אַזוי אומזיניק, ווי האָבן טענות, פאַרוואָס ברויט זעט־אָן דעם הונגער און שטילט נישט דעם דאָרשט..

עס זענען אַלטע ליטעראַרישע דאגות. צוליב די דאָזיקע מניעות זענען קינסטלער מורד אין רעאַליזם, כאַפּן זיך אָן אין אַנדערע „איזמען" און פאָרמען—אפשר וועט אַזוי־אַרום מעגלעך זיין זיך אויסצורעדן. די שטאַרקסטע רעאַקציע אַקעגן דעם איז דער עקספּרעסיאָניזם, וואָס וויל מיט שטורם איבערברעכן די וואַנט און דערגיין צום סאַמע תּמצית. אַנדערע גייען־איין אויף פּשרות, נאָך אַנדערע דערקענען באַצייטנס די אייזערנע מחיצה, מאַכן מיט איר שלום און שטרענגען זיך אָן אין דער גרענעץ אַרויסצובאַקומען אַ מאַקסימום. פאַר דעם, וואָס וויל פאַרבלייבן אַ קאָנסעקווענטער רעאַליסט, איז, דוכט זיך, דאָס דערקענען אָט די גרענעצן דער ערשטער תּנאי.

בילדער קען מען נישט איבערגעבן אַלץ, אָבער אַלץ, וואָס ווערט געגעבן אין אַ רעאַלער ערציילונג, מוז געגעבן ווערן נור אין בילדער.

דער ענין איז זייער ווייט צו זיין אויסגעשעפּט. איבערהויפּט דאַרף באַזונדער באַהאַנדלט ווערן דער פאַל, ווען דער דערציילער איז אַן אָביעקטיווער מאָדעל פון זיין אייגענער ערציילונג. עס איז אַ מאַטעריאַל אויף זייער אַן אינטערעסאַנטער אַרבעט.

# פּרץ, זיין זון און זיין אייניקל

איז עס טאַקע, הייסט עס, אַ פאַקט: יאַנעק, דער איינציקער זון פון י. ל. פּרצס בן־יחיד, פון לוציאַן פּרץ, איז אַוועק פון דער יידישער קהלה און אַריבער צו דער קאַטוילישער קירך.

אויס ייד געוואָרן דער איינציקער דירעקטער יורש פון י. ל. פּרץ. מיט אים, מיט יאַנעקן, ענדיקט זיך דאָך פּרצס פּערזענלעכער שטאַם: ווייל לוציאַן אַליין איז שוין עטלעכע יאָר טויט, און פּונקט ווי י. ל. פּרץ האָט נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט קיין אַנדערע קינדער חוץ לוציאַנען, אַזוי איז פון לוציאַנען גופא קיינער נישט פאַרבליבן אויסער יאַנעקן.

אָט די געשיכטע האָט ביי מיר אַרויסגערופן אין מיין געדעכעניש פאַרשיידענע בילדער און סצענעס פון פּרצעס לעבן אין זיין אייגן הויז, צווישן זיין משפחה. און אייניקע מיניאַטור־קאָפּיעס פון זיי וויל איך דאָ באַווייזן אַזוי ווי איך האָב זיי געזען אינם פאַרלויף פון עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד.

איך וויל דאָ געבן אַ פּאָר שטריכן, דערהויפּט וועגן די באַציונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן י. ל. פּרץ און זיין זון און וועגן דעם, ווי אַזוי פּרץ האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיין אייניקל.

בפרט אַז די ראָל, וואָס דער דאָזיקער אייניקל האָט געשפּילט אין פּרצעס לעבן, איז אַ גאַנץ באַדייטנדע: אים, יאַנעקן, דעם איצטיקן קאַטאָליק, האָבן עס דאָס אַגב יידן אפילו צו פאַרדאַנקען נישט מער און נישט ווינציקער, ווי פאַר די וויכטיקסטע פון פּרצעס ווערק.

1

כּמעט פונעם ערשטן טאָג אָן, וואָס פּרץ האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע אַלס באַאַמטער אין דער קאַנצעלאַריע פון דער יידישער קהלה, האָט ער זיין וווינונג אין דער שטאָט־טייל, וואָס איז אַ שייד־וועג צווישן דער יידישער געטאָ און דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע. אויף דער צעגליאַנע, הויז נומער 1, לעבט ער מיט זיין פאַמיליע, וואָס באַשטייט חוץ אים, פּרצן גופא, נאָך פון צוויי נפשות: מאַדאַם פּרץ און זיין זון לוציאַן, אַ קינד פון זיין ערשטע פרוי, דער גרושה.

עפּעס אַ וויסטע גאַס, די צעגליאַנע. עס פעלט דאָ דער הויהאַ־טומל פון די נאַלעווקיס און עס שפּירט זיך דאָ נישט די סאָלידע רויִקייט פון די אַלעען. היינט דאָס אויסזיכט דרויסן, ווי מיזעראַבעל. אַנטקעגן דעם הויז נומער 1, פּונקט אַנטקעגן, אַ רויטע פאַבריק מיט אַ שוואַרצן קוימען. דאָס איז אויף דער צעגליאַנע דאָס אייניקע, וואָס ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פונעם אויג און וואָס שניידט זיך איין אין דעם זכּרון.

אינעווייניק פאַרמאָגט פּרצעס דירה דריי חדרים, וואָס זענען פאַנאַנדערגעטיילט לויט דער צאָל קעפּ פון דער משפּחה:

איין חדר איז די נעסט פון מאַדאַם פּרץ און גלייכצייטיק דער שלאָף־צימער. דער צווייטער חדר—פּרצעס קאַבינעט, וואָס ער, פּרץ, האַלט כּסדר אין איין ענדערן זיין געשטאַלט. (עטלעכע מאָל אין וואָך שטעלט ער איבער דאָס מעבל, בייט די בילדער אויף די ווענט, הענגט אויף נייע לופקעס), און דער דריטער חדר געהערט צו דעם זון, צו לוציאַנען.

וואָס אין לוציאַנס חדר טוט זיך, קאָן קיין זייטיקער נישט וויסן, פּשוט דערפאַר, ווייל ער לאָזט כּמעט נישט צו, אפילו די אייגענע שוין, אָפּגערעדט וועגן פרעמדע.

2

לוציאַן איז דער בייזער און פינסטערער גייסט פון פּרצעס הויז, אויסערלעך, פיזיש, הייסט עס, איז ער לוציאַן, שטאַרק געראָטן אין דעם פאָטער, אין פּרצן. אמת, עס פעלן אים דעם טאַטנס פייערדיקע אויגן און ער פאַרמאָגט נישט דעם טאַטנס פעסטן, זיכערן טראָט. פונדעסטוועגן פאַרט זייער ענלעך. אויך גייסטיק זענען זיי נישט גאָר אַזוי ווייט איינער פונעם אַנדערן: פּונקט ווי י. ל. פּרץ איז אויך לוציאַן פּרץ אויסטערליש־פעיק.

פון לוציאַנס באַדייטנדע פעיקייטן אָבער האָט זיך גאָרנישט באַקומען. ער האָט געשטודירט אין צוויי פאַקולטעטן: אין דאָרפּעט־יוריעוו פיזיק און מאַטעמאַטיק און אין וואַרשע — יוריספּרודענץ. נאָר ער האָט ביידע נישט פאַרענדיקט. פון די הויכע וויסנשאַפטן איז ער אַריבער צו עקספּאָרט־אימפּאָרט עסקים. און פון דאָס „עקספּאָרטעווען" זיינס, ווי פון דאָס „אימפּאָרטעווען" האָט ער דעם זעלביקן רעזולטאַט, וואָס פון זיינע אוניווערסיטעטן־שטודיום. צו 37 יאָר הענגט ער נאָך אַלץ אויף דעם פאָטערס האַלז...

נאָר, מילא: דאָס איז נאָך אַ האַלבע צרה. איז דער זון נישט קיין בעל־תּכלית און נישט קיין בעל־פּרנסה. נישט אין דעם גייט עס דאָ. לוציאַן איז פּרצעס אומגליק אייגנטלעך דערפאַר, ווייל ער פאַרגיפטעט דאָ די פּרצישע אַטמאָספערע אין פּרצעס הויז.

מיט פּרצן גופא קומט ער נישט, דער זון, כּמעט אין קיין שום באַרירונג, כאָטש דעם פאָטער ציט אַזוי צו אים, וואָס פאַר